Związek Towarzystw
**OPIEKI NAD SIEROTAMI ŻYDOWSKIEMI**
Rzeczypospolitej Polskiej
**„CENTOS"**
WARSZAWA, LESZNO Nr. 52
Telefony: 11.69-06 i 11.69-04.
P. K. O. 16.852.
Adres telegraficzny: „CENTOS WARSZAWA"

Warszawa, 6.9.34 װאַרשע,

№ ~~1437~~/34

פֿאַרבאַנד פֿון געזעלשאַפֿטן
פֿאַר יתומים-פֿאַרזאָרגונג
אין פּוילן
„צענטאָס"
װאַרשע, לעשנאָ נומער 52.

מר. רעװ. דוד קירשענבױם

לאָנדאָן, אָנטאַריאָ

---

אונזער דעלעגאַט ה׳ רובינשטײן, װעלכער האָט אײַן פּאַריקן יאָר באַזוכט אײַער שטאָט האָט אונז איבערגעגעבן װעגן דער גרױסער פֿאַרשטענדניש און מיטהילף, װעלכע איר האָט אַרױסגעװיזן פֿאַר דער אַקציע לטובת די שוץ-לאָזע יידישע יתומים אין פּױלן.

דאָס דערלױבט אונז זיך נאָכאַמאָל װענדן זיך צו אײַך מיט דער בּיטע איר זאָלט אַדורכפֿירן, אין פֿאַרשטענדניש מיט די פּערזאָנען, װעלכע האָבן פֿאַראיאָרן מיטגעהאָלפֿן אונזער אַקציע, אין פֿאַרלױף פֿון חודש תשרי, א קאַמפּײַן לטובת די יידישע יתומים אין פּױלן.

די לאַגע פֿון די יידן אין פּױלן איז זײער א שװערע און מיר קאָנען ניט ערװאַרטן פֿון זײ די נױטיקע הילף. מיר װענדן זיך דעריבער צו אײַך איר זאָלט ניט פֿאַרגעסן װעגן די טױזנטער אומגליקליכע יתומים, װעלכע נױטיקן זיך אין דרינגענדער הילף. עס דערנעטערט זיך דער װינטער, די אַנשטאַלטן נױטיקן זיך אין רעמאָנט, װעש, באַהײצונג א.א.װ. די שרעקליכע װאַסער-פֿאַרפֿלײצונג אין גאַליציען האָט א סאַך אונזערע אַנשטאַלטן גע-בּרענגט גרױסע שאָדנס.

מיר האָפֿן אױף אײַער גרױסע אונטערשטיצונג און דריקן אײַך אױס אונזער דאַנקבאַרקײט.

מיט א שנה טובה און גרױס אַכטונג

פּראָפ. ד״ר מ. שור
װיצע-פּרעזעס

א. גאָלדין
גענעראַל-סעקרעטאַר